דער וועלט זאגט אז מען קאן ניט גיין ארונטער, מוז מען גיין אריבער, און איך זאג אז מ'דארף מלכתחלה אריבער.

און אזוי איז געווען די הנהגה פון כ"ק מו"ח אדמו"ר, אז שטענדיק פלעגט זיין גרעסער די הוצאות, און קיין הכנסה איז ניט אריין געקומען, אבער פונדעסטוועגן פלעגט ער זיך קיינאל ניט אפשטעלן פירן אלעמאל די מוסדות מיט מער התפשטות והתרחבות און ער האט מצליח געווען, ווי ער - כ"ק מו"ח אדמו"ר - האט געזאגט אז ער איז אלעמאל בעווען א בעל חוב אבער קיינמאל ניט געווען ח"ו באנקראט.

און י"ב תמוז גיט ער דעם כח צו אלע זיינע מקושרים, זיי זאלן זיך אויך פירן אין זיין וועג, ניט נתפעל ווערן פון קיינע ענינים, און פירן די מוסדות, וואס ווייטער אלץ מער בהתרחבות, און דאן וועלן זיי מצליח זיין, ווי מ'האט גערעט אין מאמר, אז בשעת מען גייט מיט א ביטול עצמי ותוקף עצמי ווערט נתבטל דער נסיון, און מען נעמט ארויס דעם נצוץ וואס אין אים, וואס עס איז א ניצוץ בכח יותר, די ראי' איז וואס ער איז געקומען אין א נסיון למטה ביותר.

כה. איך האב שוין אמאל דערציילט אז ר"ה תרפ"ז - שנת המאסר - האט דער רבי גערעט אין דעם מאמר דעם ענין פון השגח"פ עפ"י תורת הבעש"ט, אז די השגח"פ איז אפי' אויף א עלה צי זי זאל זיין אויף דעם ארט, צי זי זאל זיך איבער קלייבן אויף א צווייטן ארט, און אויך דער אופן ווי די עלה זאל זיך איבערקלייבן דורך א מענטשן אדער דורך א ווינט, איז דאס בהשגח"פ, און דערפאר טרעפט אז אין מיטן א יום בהיר, מאכט דער אויבערשטער א גרויסן שטורעם ווינט כדי דער ווינט זאל איבער קלייבן א בלעטל, וואס ליגט אין מדבר, פון איין ארט אויף דעם צווייטן.

דאס האט דער רבי גערעט ר"ה אין מאמר, דערנאך - נאך י"ב תמוז - האט דער רבי געזאגט אז פארוואס ער האט דאס גערעדט אין מאמר.... , דער רבי האט ניט פארענדיקט דעם ווארט. נאר דער ענין האט זיך ביי אים גערעדט בהשגח"פ און אויב ער וואלט ניט ריידן דעם ענין ר"ה, ווייס ער ניט, ווי ער וואלט קאנען איבער טראגן דעם מאסר.

כו. לכאו' איז ניט פארשטאנדיק וואס האט מען געדארפט אנקומען צו דעם ענין פון רבי'נס מאסר, צי שיטת הבעש"ט דוקא אין השגח"פ, דער אופטו פון בעש"ט איז דאך, אז עס איז פאראן השגח"פ אויך אויף א צומח און א דומם, אבער אויף מין המדבר בכלל, וישראל עס קרובו בפרט, און אידן שומרי תומ"צ בפרטי פרטיות ומכ"ש מנהיגי ונשיאי ישראל, וואס זייערע ענינים איז נוגע צו כלל ישראל, זיינען דאך אלע מודה אז די ענינים זיינען בהשגח"פ היינט וואס איז נוגע דעם רבי'נס מאסר צו דער אופטוא פון בעש"ט דוקא אין השגח"פ?

נאר דער ענין איז, אז עפ"י תורת הבעש"ט אז די השגח"פ איז אויך אויף א בלעטעלע וואס ליגט אין מדבר, צי זי זאל ליגן אויף איר ארט, צי זי זאל זיך איבער קלייבן אויף'ן צווייטן ארט און נאך מערער, אז אויך דער אופן ווי די בלעטעלע זאל זיך איבערקלייבן איז דאס אויך בהשגח"פ, איז דאס ניט קיין אופטוא נאר אין דער בלעטל, נאר דאס איז א טיפערער אופטוא אין השגח"פ בכלל, ובמילא אי, אויך אין א מדבר, א איד, א איד א שומר תומ"צ א נשיא ישראל, ולמע' מע' עד אין קץ, איז עפ"י תורת הבעש"ט די השגח"פ א סאך טיפער,

שלא בערך כלל, לגבי ווי מ'האט געלערנט השגח"פ ביז דעם בעש"ט.

כז. דער ביאור פון דעם אופטוא פון דעם בעש"ט אין דעם כללות הענין פון השגח"פ, און די שייכות פון דעם אופטוא מיט דעם רבי'נס מאסר, איז:

עס איז מבואר אין חסידות דעם הפרש פון מס"נ דר"ע ביז מס"נ דאברהם אבינו, ר"ע האט געזוכט מס"נ, ווי ער האט געזאגט מתי יבוא לידי ואקיימנו ובמילא איז דאס ניט קיין אמת'ער מס"נ, ווארום ער האט געזוכט זיין טובה, דאגעגן אברהם אבינו האט ניט געזוכט קיין מס"נ, אברהם אבינו האט איינגאנצן ניט געטראכט וועגן זיך, ער האט זיך איינגאנצן אוועק געלייגט אויף א זייט, און האט ניט געזוכט אפי' קיין מס"נ, נאר זיין ענין איז געווען, אז ער האט געוואלט מפרסם זיין אלקות בעולם, און אויף אזויפיל איז ער געווען איבער געגעבן צו דעם, אז אויב ער האט דאס געדארפט דורך פירן דורך מס"נ דוקא, איז ער געווען אויף דעם אויך גרייט.

ומצד דעם חילוק אין זייערע מס"נ, מצד דעם איז פאראן נאך א אונטערשייד פון ר"ע מיט אברהם אבינו, ר"ע איז געווען צופרידן בשעת ער האט זיך מוסר נפש געווען, ווארום דאס איז געווען זיין מבוקש, דאקעגן אברהם אבינו איז געווען בצער, פון דעם וואס דערוויילע האט ער ניט געקענט טאן זיין שליחות, מפרסם זיין אלקות בעולם, און הגם ער האט זוכה געווען צו מס"נ פונדעסטוועגן איז ער געווען בצער, ווייל אברהם אבינו האט זיך אוועק געלייגט איינגאנצן אן א זייט, איז אים ניט געווען וועגן דאס וואס ער האט זוכה געווען מוסר נפש זיין זיך, ווארום דערוויילע קאן ער דאך ניט טאן זיין ארבעט.

כח. אזוי איז אויך דער רבי, איז זיין מס"נ געווען ניט צוליב זיך, וואס דורך מס"נ קומט מען צו צו הויכע מדרגות, נאר זיין מס"נ איז געווען, ווייל ער האט געוואלט דורך פירן זיין שליחות בעלמא דין, וואס זיין שליחות איז געווען מקרב זיין אידן צו תומ"צ צו תורת החסידות, און צו דער שליחות איז ער געווען איבער געגעבן ביז מס"נ ועד בכלל.

און דערפאר איז בעת ער איז געווען אין מאסר, איז ער געווען בצער, הגם אז פאר זיך האט ער ניט געהאט וואס צו ארן, ואדרבה דארטן זיינען געווען ביי אים די רביים (ביז דעם בעש"ט?) פונדעסטוועגן האט ער זיך ניט באגנוגנט מיט זיינע עילוים און ער איז געווען בצער, וועגן דעם מצב פון אידן.

כט. לכאורה איז אבער ניט מובן, וויבאלד אז דער רבי האט ניט געטראכט וועגן זיך, נאר ער האט געטראכט וועגן כלל ישראל, היינט ווי האט ער זיך איינגעשטעלט, דער רבי האט דאך געוואוסט די כחות וואס מ'האט אים געגעבן און ער האט געוואוסט זיינע מעלות, און קיין אנדערע וועט דאס ניט טאן, און די וועלט דארף האבן זיינע כוחות דוקא.

- אזוי ווי עס שטייט אין חסידות דער פשט פון והאיש משה עניו מאד מכל האדם אשר על פני האדמה, איז ניט דער פשט איז אז משה האט ניט געוואוסט ווער ער איז, ער האט געוואוסט זיינע מעלות,

ער האט געוואוסט אז ער איז חכ׳ דאצי׳, און דעם גודל העילוי פון חכ׳ דאצי׳, נאר פונדעסטוועגן איז ער געווען א עניו.

און אזוי איז אויך געווען דער רבי, וואס אתפשטותא דמשה בכל דרא אז ער האט געוואוסט זיינע מעלות, און די כחות וואס ער האט -

און ער האט געוואוסט אז פאר זיין ארבעט איז עלול עס זאל זיין אזא ענין אז דערמיט זאל זיך ח"ו ענדיקן זיין ארבעט, היינט ווי האט ער זיך איינגעשטעלט?

נאר דער טעם איז ווי דער רבי (מהורש"ב) נ"ע שרייבט אין אתנו יודע עד מה בסוד הבירורים, ובהדי כבשי דרחמני למה לך, אז עס מאכט זיך א ענין וואס מ׳דארף אים אפטאן, דארף מען ניט מאכן קיין חשבונות וואס עס וועט זיין שפעטער, נישט טאן די ארבעט, ווארום אויב מען וועט טאן די ארבעט וועט ווערן ווייס צי שפעטער וועט מען קאנען טאן ניט רעכענען זיך מיט קיינע חשבונות, און אז עס איז פאראן א ענין וואס מ׳דארף טאן, דארף מען דאס נעמען און אפטאן.

ל. בכלל אין אופני השליחות איז פאראן צוויי אופנים. א) ווי א פרעמדער מענטש טוט די זאך, וואס אים אליין איז דאס ניט נוגע, ער איז טאקע איבער געגעבן אינגאנצן אויף טאן די ארבעט - ע"מ לקבל פרס אדער אפי׳ שלא ע"מ לקבל פרס אבער אים אליין איז דאס ניט נוגע, ער טוט א פרעמדע זאך. ב) ער איז איבער געגעבן צו דער זאך ווי צו א אייגענע זאך, די זאך איז אים נוגע, ווייל דאס איז זיינע א זאך.

דער אונטער שייד פון דעם בעה"ב מיט דעם אנגעשטעלטן איז ניט קענטיק בשעת דעם עסק, ביידע טוען און טוען מיט א איבערגעגעבנקייט ביידע גלייך, נאר דעם אונטער שייד זעט מען שפעטער נאכן עסק, בשעת אז דער עסק גייט ניט, איז דער אנגעשטעלטער שלאפט רואיק, ווייל אים ניט נוגע דער גאנצער עסק, אבער דער בעה"ב קאן ניט שלאפן.

און אזוי איז אויך דער אונטערשייד פון די צוויי אובנדערמאנטע אופנים, אז דער אונטערשייד איז ניט קאנטיק אין דער עצם ארבעט נאר עס איז קאנטיק שפעטער, דער ערשטער אופן, הגם ער איז איבערגעגעבן צו דער ארבעט, און טוט דאס מיט א מס"נ - עס קאן אפי׳ זיין אז זיין מס"נ איז ווי מס"נ דאברהם אבינו אז ער טוט דאס ניט צוליב זיך, נאר ווייל ער איז איבער געגעבן צו טאן זיין שליחות, ביז מס"נ ועד בכלל - אבער ווען ער טוט אפ אלץ וואס ער קאן, און מער קאן ער ניט, איז אים ניט נוגע, ווײלע ער האט דאך אפגעטאן דאס וואס ער איז מחויב און דאס וואס ער קאן ניט, איז אונס רחמנא פטרי׳.

דאגעגען דער צווייטער אופן, איז ניט נאר וואס ער טוט זיין ארבעט במס"נ שלא ע"מ לקבל פרס נאר אויך אויב אז ער קאן ניט אפטאן זיין שליחות גייט אים דער...ניט אין, וויסנדיק אז איבער דעם וואס די ארבעט טוט זיך ניט אפ, איז רעכט אז משיח זאל זיך אפהאלטן אויף עטלעכע מינוט וממילא וועט די שכינה זיין אין גלות נאך אפאר מינוט און אידן אין גלות.

- אויף די אסיפה וואס עס איז געווען אין פעטערבורג אין יאר עת"ר, איז געווען דער רבי נ"ע און ר׳ חיים בריסקער, מ׳האט יעמאלט געדארפט אז די רבנים זאלן זיך לערנען למודי חול, און נאך שינוים אין דת. כמובן אז דער רבי נ"ע, ר׳ חיים בריסקער און נאך

האבן זיך געשטעלט שטארק אנקעגן די גזירה, דער שר הפנים האט געזאגט, אז אויב מ'וועט זיך שטעלן אנקעגן די גזירה וועט ער מאכן פאגראמען אויף אידן, דער רבי נ"ע האט יעמאלט געהאלטן זייער א שארפע רעדע, - צום סוף וואס ער האט געענדיקט ריידן האט ער גע'חלש'ט - וואס פאר דער רעדע האט מען אים שטריינג אייגעזעצט.

נאכער ווען מ'האט שוין ארויס געלאזן דעם רבי'ן נ"ע איז ר' חיים בריסקער אריין צום רבי'ן נ"ע און האט געזען אז ער - דער רבי נ"ע - זיצט און וויינט, האט געזאגט ר' חיים צום רבי'ן נ"ע: ליובאוויטשער רבי! וואס וויינט איר? מ'האט דאך געטאן אלץ וואס מ'האט געקאנט? האט דער רבי נ"ע געענטפערט: אבער דער ענין האט זיך דאך ניט אפגעטאן -

לא. באמת איז דאך דער הפרש פון די צוויי אויבן דערמאנטע ענינים צי מען טוט ווי דער בעה"ב צי מען טוט ווי אן אנגעשטעלטער, איז נוגע אויך אין די עצם ארבעט.

בשעת מען טוט ווי א אנגעשטעלטער, איז שייך מ'זאל מאכן חשבונות מ'זעט א ענין וואס טויג ניט, אבער מען טוט צו דעם גארניט, מיט א חשבון אז דערפאר וואס מ'וועט אנווערן איצטער וועט מען שפעטער פארדינען, אבער בשעת מען טוט אין דער זאך אזוי ווי דער בעה"ב אליין ד.ה. אז די זאך איז נוגע דאך איז אז מען זעט א ענין שלא כדבעי, קאן מען ניט זיין גלייכגילטיק צו דעם, און גארניט טאן, מיט א חשבון אז מ'טאר זיך ניט איינשטעלן ווייל מ'דארף האבן זיינע כחות נאר מען גייט מיט א מס"נ צו טאן וואס איז מעגלאך.

און דאס איז דער טעם וואס דער רבי האט איינגעשטעלט זיין לעבן, הגם ער האט געוואוסט די כחות וואס ער האט און אז קיין אנדערע אויף זיין ארט איז ניטא, פונדעסטוועגן זעענדיק אזוינע נסיונות און אזא העלם והסתר וואס איז דאן געווען, און וויסנדיק אז איבער דעם קאן זיך אפהאלטן ביאת המשיח אויף א ווײלע, ובמילא וועט די שכינה און אידן זיין אין גלות נאך א ווײלע, האט ער זיך ניט גערעכנט מיט קיין זאך און האט זיך מוסר נפש געווען פאר הרבצת התורה און החזקת היהדות.

לב. נאך א זאך אין דעם - וואס דער רבי האט ניט געמאכט קיין חשבונות אז מ'טאר זיך ניט איין שטעלן - איז:

דעם אויבערשטנס כוונה וואס נתאווה הקב"ה להיות לו ית' דירה בתחתונים איז די כוונה בוקע אלע ענינים, עס איז בוקע אלע העלמות והסתרים, עס איז בוקע דעם גרעסטן חשך, און סוף סוף וועט זיך די כוונה אויספירן, און צוליב דעם איז דער אויבערשטער מסבב פארשידענע סיבות, וואס אלע ענינים וואס טוען זיך אפ אין עולם, איז דאך בהשגח"פ, אויף דורך פירן די כוונה פון דירה בתחתונים.

און דערפאר איז אז עס איז געווען א העלם והסתר ביותר, איז מען ניט נתפעל געווארן, און מ'האט זיך איינגעשטעלט אויף דורך ברעכן דעם העלם והסתר, איי וואס וועט שפעטער זיין ווער וועט אנפירן מיט אלע ענינים? איז מען ניט נתפעל געווארן פון דעם וויסנדיק אז סוף סוף וועט זיך די כוונה אויס פירן.

מיר דארפן טאן אונזער שליחות ביז מס"נ ועד בכלל, איי

<u>הנחה בלתי מוגה</u>



- וואס -

וואס וועט זיין? דאס איז דעם איבערשטנס געשעפט, און זיין כוונה וועט ער שוין אויס פירן.

לג. און דאס איז די שייכות פון דעם אופטוא פון בעש"ט אין השגח"פ צום רבי׳נס מאסר:

דעם בעש"ט׳ס אופטו איז השגח"פ, אז די השגח"פ איז אויך אויף א צומח און א דומם, איז א אופטו אין דעם כללות הענין פון השגח"פ אז...(חסר).

און דערפאר האט מען מזמין געווען מלמע׳ בהשגח"פ, אז ר"ה דער קאפ פון יאר, וואס איז כולל אין זיך דעם חיות פון דעם גאנצן יאר, זאל דער רבי דערמאנען שיטת הבעש"ט אין השגח"פ, וואס דאס האט געגעבן כחות, אויף דורכטראגן דעם מאסר, ניט נתפעל ווערן פון אלע העלמות והסתרים, און זיין זיכער אז מען וועט ארויס גיין גאנץ.

לד. מ׳האט מיר געפרעגט אויף דעם וואס מען האט גערעט יו"ד שבט, אז ביי דעם רבי׳ן איז געווען אלע דריי מפתחות פון חיי גשמיים און תחיית המתים, בבת אחת. וואס טייטש, ווי קאן מען דאס אזוי זאגן, אלי׳ הנביא האט מען ניט געגעבן אלע דריי מפתחות פאר אמאל און דעם רבי׳ן האט מען אפגעגעבן אלע מפתחות מיט אמאל?

די קשיא וואס מען האט געפרעגט איז ניט געווען פון דער גמ׳, וואס די גמ׳ זאגט אז די ג׳ מפתחות זיינען ביי דעם אדון אליין, נאר די קשיא איז געווען וואס מ׳האט זיך אנגענומען פאר אלי׳ הנביא׳ס כבוד, (בכלל שטייט אז אלי׳ איז א קפדן דארף מען זיך היטן מיט זיין כבוד) פון דעם איז ארויס דער פייער, וואס טייטש ווי זאגט מען אז דער רבי איז גרעסער פאר אלי׳ הנביא?

לה. אויף די קשיא וואס מען האט געפרעגט ווי קאן מען זאגן אז דער רבי איז גרעסער פאר אלי׳ הנביא, דאס קאן מען ענטפערן גאר אין פשטות.

אלי׳ס ארבעט איז דאך וואס עביד שליחותא לרבנן, און עס איז דאך ידוע וואס עס שטייט אין מדרש א משל פון א משמש מיט א נשמש, מי גדול, הוי אומר נשמש גדול, די ראי׳ איז וואס ער שאפט זיך מיטן משמש, אזוי איז אויך וויבאלד אז אלי׳ עביד שליחותא לרבנן, אלי׳ קומט צוגיין און דערציילט די צדיקים וואס עס טוט זיך למע׳ והדומה, איז א ראי׳ אז צדיקים זיינען גרעסער פון אלי׳ן, די ראי׳ איז פון דעם וואס צדיקים שאפין זיך מיט איס.

דאס איז בנוגע דעם כבוד פון אלי׳ הנביא, נאר בנוגע צום עצם ענין וואס מען האט אפגעגעבן דעם רבי׳ן אלע דריי מפתחות בבת אחת, עס זאל ניט זיין קיין סתירה צו דער גמ׳, וועט מען עס פארשטיין בהקדמת הביאור פון דעם וואס מען האט פריער גערעט, אז עס איז פאראן צוויי אופנים אין מילוי השליחות, ווי א פרעמדער טוט די זאך און ווי דער בעה"ב אליין טוט, וועט מען דערמיט פארשטיין, ווי האט מען אפגעגעבן אלע דריי מפתחות בבת אחת דעם רבי׳ן.

לו. דער ענין פון א שליח איז, הגם אז שלוחו של אדם כמותו, פונדעסטוועגן איז אין דעם פאראן הגבלות, און ניט אויף אלע ענינים פאסט צו זאגן שלוחו של אדם כמותו, דאס איז דאך דער טעם וואס אויף